בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט
די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה
שליט"א ביי סעודה שלישית, שבת
פרשת כי תשא-פרה שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

## חיזוק יומי

צו באקומען די חיזוק יומי

אימעיל
chizikyomi@gmail.com

טעלעפאון מעסידזשינג
347-630-2876

## שבת קודש פרשת תשא, שבת פרה, שנת תשפ״א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעלערנט ליקוטי מוהר״ן חלק ב, סימן עד.

איידער דער ראש ישיבה שליט״א האט אנגעהויבן פארלערנען האט דער ראש ישיבה שליט״א געזונגען מיט'ן גאנצן עולם דעם ניגון לכבוד פסח:

"דער הייליגער רבי נתן האט אמאל געזאגט, (צוויי מאל)

אויף פסח, אויף פסח, אויף פסח וועט זיין,

אויף פסח, אויף פסח, אויף פסח וועט זיין,

אבער וואו נעמט מען דעם פסח אליין?

אבער וואו נעמט מען דעם פסח אליין? (צוויי מאל)

דעם פסח אליין, דעם פסח אליין,
דעם פסח אליין, דעם פסח אליין,

אבער וואו נעמט מען דעם פסח אליין, אבער וואו נעמט מען דעם פסח אליין". (צוויי מאל)

לשון רבינו זכרונו לברכה: אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה, שֶׁהִיא הֲכָנָה לְפֶסַח. כִּי פָּרָשַׁת פָּרָה קוֹרִין, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נִזְהָרִין לְטָהֵר מִטֻּמְאַת מֵת, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ טְהוֹרִין לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח. וּבִתְחִלָּה הוּא בְּחִינַת פּוּר, כִּי פּוּרִים עַל־שֵׁם הַפֻּר (אסתר ט, ועיין בכונות האריז״ל בסוד הפיל פור ובסוד פרה אדומה), וְאַחַר־כָּךְ נַעֲשֶׂה פָּרָה, כִּי גַּם פּוּרִים הוּא בְּוַדַּאי הִלּוּךְ וְדֶרֶךְ לְפֶסַח. וְזֶהוּ בְּחִינַת (שיר השירים ה, יג): שִׂפְתוֹתָיו שׁוֹשַׁנִּים נֹטְפוֹת מוֹר עֹבֵר. שִׂפְתוֹתָיו זֶה בְּחִינַת פֶּסַח – פֶּה סָח (כַּמּוּבָא [בפרי עץ חיים שער חג המצות, פרק ז; ועוד]). שׁוֹשַׁנָּה הִיא אֶסְתֵּר, (כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ וּבְכִתְבֵי הָאֲרִיזַ״ל, וְשׁוֹשַׁנָּה גִּימַטְרִיָּא אֶסְתֵּר). נֹטְפוֹת מוֹר עֹבֵר זֶה בְּחִינַת מָרְדֳּכַי - מָר דְּרוֹר (חולין קלט:), לְשׁוֹן חֵרוּת, בְּחִינַת חֵרוּת שֶׁל פֶּסַח. וְעַל־כֵּן צֵרוּף שֶׁל פּוּרִים מְרֻמָּז בְּפֶסַח, בַּפָּסוּק (שמות כג, טו): שִׁבְעַת

יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ לְמוֹעֵד חֹדֶשׁ הָאָבִיב, כִּי בוֹ יָצָאתָ מִמִּצְרָיִם וְלֹא יֵרָאוּ פָנַי רֵיקָם. מִמִּצְרַיִם וְלֹא יֵרָאוּ פָּנַי רֵיקָם - רָאשֵׁי־תֵבוֹת פּוּרִים, כִּי פּוּרִים הוּא דֶּרֶךְ לְפֶסַח, שֶׁיִּהְיוּ יְכוֹלִים לִהְיוֹת נִזְהָרִין מֵחָמֵץ: (וּפָסַק בְּאֶמְצַע הָעִנְיָן וְלֹא גִּלָּה יוֹתֵר).

כִּי בַּתְּחִלָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח, וְעַל־כֵּן כָּל הַמִּצְווֹת הֵם זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם. וְעַכְשָׁו... (וְלֹא סִיֵּם). עד כאן לשון רבינו.

האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן: דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עד): "אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה שֶׁהִיא הֲכָנָה לְפֶסַח, כִּי פָּרָשַׁת פָּרָה קוֹרִין כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נִזְהָרִין לְטָהֵר מִטֻּמְאַת מֵת, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ טְהוֹרִין לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח", נאך פורים ליינט מען פרשת פרה כדי זיך צוצוגרייטן צום יום טוב פסח, זיך מטהר זיין פון טמאת מת און ווערן ריין צו קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח. און דער רבי פירט אויס: "כִּי בִּתְחִילָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח וְכוּ', וְעַכְשָׁיו, וְלֹא סִיֵּם", און רבי נתן זאגט אויף דעם אז ער האט פארשטאנען פון רבי'ן אז היינט זענען אלע התחלות פון פורים.

## "וְעַכְשָׁיו, וְלֹא סִיֵּם"

מוהרא"ש זכרונו לברכה זאגט פשט אין די ווערטער: "וְעַכְשָׁיו, וְלֹא סִיֵּם", "וְעַכְשָׁיו" - יעצט אז מיר האבן דעם רבי'ן וואס לערנט מיט אונז אזעלכע זיסע עצות, "וְלֹא סִיֵּם" - איז א מענטש קיינמאל נישט דערנאך, ער קען אלץ אנהייבן פון דאסניי, אפילו איך בין אראפגעפאלן אין שלעכטע זאכן רחמנא לצלן, איך האב געקוקט וואס מען טאר נישט, איך האב געטון וואס מען טאר נישט רחמנא לצלן, אבער מיט'ן רבי'נס עצות קען מען פריש אנהייבן, דער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עח): "קיין יאוש איז נישט פארהאנען", עס איז נישט דא אזא זאך צו טראכטן: 'איך בין שוין פארפאלן', 'איך וועל שוין קיינמאל נישט

קענען ארויסקריכן פון מיין בלאטע׳, ווייל מען קען אלץ צוריק קומען צום אייבערשטן, דער באשעפער׳ס רחמנות איז אזוי גרויס אז ערווארט אויף יעדן איד ער זאל זיך צוריק קערן צו אים.

## ״אויף פסח וועט זיין, אבער ווי נעמט מען דעם פסח אליין?״

איינמאל איז איינער געקומען צו רבי נתן זיך אפרעדן אז ער האט נישט קיין געלט אויף פסח, האט רבי נתן אים מחזק געווען און געזאגט: ״אויף פסח וועט זיין, אבער ווי נעמט מען דעם פסח אליין?״

דאס זעט מען בחוש ווען עס קומט אן דער יום טוב פסח האט יעדער איינער למעשה וויין, מצות און כל טוב וטוב, אידן פארטיילן שווערע געלטער פאר צדקה, מען טיילט מצות און אלע סארטן עסן וכו׳ וכו׳. אזוי ווי עס איז געווען מיט׳ן הייליגן רבי נתן אליין; דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה איז דורך געגאנגען גאר שווערע צייטן, מען האט אים זייער שטארק גע׳רודפ׳ט, אזוי ווייט אז מען האט ממש מורא געהאט צו רעדן מיט אים וכו׳, איינמאל פאר פסח איז ער געווען אין זייער א געדריקטע מצב, איז אריינגעקומען צו אים זיין טאכטער חנה צירל און זיך אפגערעדט: ״טאטע עס איז שוין זייער נאנט צו פסח און מיר האבן נאך גארנישט אויף פסח, וואס וועט דא זיין?״ האט ער געזאגט צו זיין טאכטער: ״טאכטער׳ל דארפסט זיך נישט זארגן, דער אייבערשטער וועט זיכער העלפן, און מיר וועלן האבן אויף פסח״. עס איז געקומען ערב פסח, האט דער אייבערשטער געהאלפן אז איינער פון אנשי שלומינו, אן עושר, איז נתעורר געווארן און געטראכט: ׳ווער ווייסט אויב דער הייליגער רבי נתן האט אויף פסח צו מאכן?׳ איז ער געגאנגען און גענומען א וואגן און עס אנגעפילט מיט אלע גוטע זאכן, מצות, וויין, קארטאפל, אייער, און נאך, ער האט אלעס אריבער געברענגט צו רבי נתן אום ערב פסח, אזוי האט ער געהאט אויף פסח.

דערפאר האט רבי נתן געזאגט: ״אויף פסח וועט זיין, אבער ווי נעמט מען דעם פסח אליין?״; וויאזוי נעמט מען דאס הייליגקייט פונעם יום טוב, ווי אזוי איז מען זוכה זיך צו פרייען מיט׳ן יום טוב? אויף דעם דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן זוכה זיין צום פסח אליין. מיר שטייען יעצט דריי וואכן בעפאר דעם הייליגן יום טוב, יעדער גרייט זיך שוין צום יום טוב, מען קויפט שוין איין מצות, וויין און אנדערע פראדוקטן, מען קויפט זיך נייע קליידער און אזוי ווייטער, עס זענען דא מענטשן וואס פעינטן איבער די הויז, סקרעיפן די פלאר וכו׳, מען דארף אבער געדענקן צו בעטן דעם אייבערשטן: ״הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל זיין פרייליך אום יום טוב״, אז מען איז נישט פרייליך זענען די אלע זאכן גארנישט ווערד.

אין גמרא (פסחים ו.) איז דא א מחלוקת פון ווען מען דארף זיך אנהייבן גרייטן צום יום טוב, פון דרייסיג טעג בעפאר יום טוב, אדער איז גענוג צוויי וואכן בעפאר יום טוב, אבער דאס איז יעדער איינער מודה אז מען דארף זיך גרייטן צום יום טוב. ווי אזוי גרייט מען זיך צום יום טוב אז מען בעט יעדן טאג דעם אייבערשטן: ״הייליגער באשעפער איך וויל האבן א פרייליכע יום טוב, איך וויל עסן די הייליגע מצה, העלף מיר איך זאל נישט נכשל ווערן אין קיין חמץ אום פסח״.

וואס איז ׳פסח׳? פסח איז די אותיות פֶּה סָח (פרי עץ חיים שער חג המצות, פרק ז; ועוד); מען הייבט אן רעדן צום אייבערשטן, מען הייבט אן זען און פארשטיין אז עס איז גארנישט דא אויף די וועלט נאר דער אייבערשטער. וואס איז ׳מצרים׳? מצרים איז די אותיות מֵצַר יָם (פרי עץ חיים, שער חג המצות, פרק א), ים דאס איז דער מח, אז דער מח איז אין א צוים, דער דעת איז צעקוועטשט, מען קען נישט עפענען דעם מויל צו רעדן צום אייבערשטן דארף מען אויף דעם אליין מאכן א תפלה: ״טאטע, הייליגער באשעפער, איך וויל אנהייבן רעדן צו דיר, צו יעדן איינעם קען איך רעדן און שמועסן,

אבער ווען עס קומט צו רעדן צו דיר פארמאכט זיך מיין מויל, איך קען נישט אנהייבן רעדן, רבונו של עולם עפן מיר מיין מויל איך זאל אנהייבן שמועסן מיט דיר, איך זאל שפירן אז דו הערסט מיך אויס״.

עס זענען דא מענטשן וואס די אמונה איז זייי אויסגעלאשן, פון אינדרויסן דערקענט מען גארנישט אז זיי זענען עפעס אנדערש ווי א צווייטן, זיי גייען אנגעטון ווי חסיד׳ישע אינגעלייט, אבער באהאלטענערהייט היט ער נישט קיין שבת רחמנא לצלן, ער לייגט נישט קיין תפילין רחמנא לצלן, דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו האבן א שטארקע אמונה אינעם אייבערשטן, גלייבן אז דער אייבערשטער איז דא מיט מיר, ביי מיר, נעבן מיר. אויך דארף מען גלייבן אז יעדע גוטע זאך וואס איך טו איז חשוב ביים אייבערשטן אפילו עס קוקט אויס א קליינע זאך, צום ביישפיל דעם ענין פון זאגן דעם ׳תיקון הכללי׳, דער רבי האט צוגעזאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן צב): דער וואס וועט זאגן די צען קאפיטלעך - דעם ׳תיקון הכללי׳ - וועט פאררעכטן אלעס וואס ער האט פוגם געווען, דאך האט דער רבי געזאגט (שיחות הר״ן, סימן קמא): ״צען קאפיטלעך תהלים צו זאגן איז נישט קיין שווערע זאך, אבער וויבאלד איך האב דאס געהייסן זאגן וועט דאס אנקומען זייער שווער צו זאגן״, און ליידער איז עס אזוי, מענטשן זאגן עס נישט ווייל זיי פארשטייען נישט ווי אזוי קען זיין אז די צען קאפיטלעך תהלים זאל אפמעקן אלע מיינע שווערע זינד, אבער אז מען האט ׳אמונת חכמים׳, מען גלייבט אז וואס צדקים זאגן איז אמת, דאן קען מען פאררעכטן אלעס וואס מען האט פוגם געווען.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן, וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.